**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/11/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול אין שטיצע פון פרעזידענט ביידן'ס רעגולאציע זיך ארעפלאזנדיג אויף גייסט רעוואלווערס**

"היינט האבן פרעזידענט ביידן און די יוסטיץ דעפארטמענט אנאנסירט נאך שריט צו שטרענג באהאנדלען 'גייסט רעוואלווערס', אריינרעכנענדיג דורכן מאכן "קויף, בוי, שיס" (buy, build, shoot) קיטס אונטערגעווארפן אונטער די זעלבע פעדעראלע געזעצן וואס גייען אן פאר אנדערע וואפן. איך אפלאדיר פרעזידענט ביידן פארן פארמאכן די לאך וואס האט געדראעט אויף די זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס, און איך וויל באדאנקען דעם פרעזידענט פאר זיין אנגייענדע שותפות. קיינער דארף נישט זיין אומשטאנד צו אויסמיידן דעם פראצעדור צו באקומען צוטריט צו טויטליכע וואפנס, באזונדערס די וואפן וועלכע נעמען בלויז 30 מינוט צו צוזאמשטעלן און די טיילן קאסטן אפט וויניגער פון $100. בלויז דעם פארגאנגענעם וואך זענען דריי צענערלינגען געשאסן געווארן און איינער דערמארדעט ביים אהיימגיין פון סקול אין די דרום בראנקס מיט א וואפן וואס די פאליציי גלויבט אז עס איז געווען א גייסט רעוואלווער.

"מיר זעהען א באדייטנדע אויפשטייג אין די צאל גייסט רעוואלווערס וואס ווערן גענוצט אין טעגליכע שיסערייען אריבער אונזער סטעיט. דערפאר האב איך אין אקטאבער אונטערגענומען שריט צו מאכן קרימינאל דאס פארקויפן 'גייסט רעוואלווערס' און פארלאנגט פון רעוואלווער פאבריצירער צו רעגיסטרירן וואפן וואס זיי שטעלן צוזאם. איך האב אויך אויפגעשטעלט א לאנד'ס פירנדע אינטערסטעיט איינהייט אויף אומלעגאלע וואפן (Interstate Task Force on Illegal Guns), צוזאמברענגענדיג צען סטעיטס, פעדעראלע אגענטורן און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן. דער איינהייט האט א באלדיגע ווירקונג, אראפנעמנדיג הונדערטע רעוואלווערס – אריינרעכנענדיג גייסט רעוואלווערס – פון די גאסן יעדע חודש.

"מיר באגייען זיך מיט רעוואלווער פארברעכן גענוי ווי די פובליק געזונטהייט און זיכערהייט קריזיס וואס דאס איז, צוטיילנדיג א היסטארישע 227 מיליאן דאלאר אין אונזער פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט פאר פראגראמען פאר דאס פארמיידונג פון רעוואלווער פארברעכן געציהלט צו אדרעסירן דיווארצלען וואס פאראורזאכן די פאנדעמיע. איך פארשפרעך אז מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אויף די לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שטאפלען זיך אראפצולאזן אויף דאס פארקויפן און באזיץ פון געפארפולע וואפנס, אראפנעמען רעוואלווערס פון אונזערע גאסן און ראטעווען לעבנס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418